**Digitales Brandenburg**

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

**Markiš, Perec D.**
**מארקיש, פערעץ**

**Moskve, 1941**

פארטיזאנער

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280**

Visual Library

# פאַרטיזאַנער

גרויזאַמ וועלדער דורכ באַנאַכטנ זײַנענ,
ס׳גיט קײנ בוימ קײנ בײג זיכ צו דער ערד —
אינ אַ נאַכט-געשלעג זיכ לאָזנ פאַרטיזאַנער
אינ אַ וועג אַ ווײַטנ — רײַטנדיק אַפּ פערד!

אַפּ באַראָט פונ ווינט — פאַרלאָזט די היימענ,
מיט די פעלדער זיכ געזעגנט אַפּ ניט לאַנג —
הערט מענ אײַנ זיכ אינ די וועגנ די געהיימע,
הערט מענ אײַנ זיכ אינ די רוימענ פונעמ לאַנד,

אונ זיכ צוגעלײגט צו דר׳ערד צו דער געפּלעטער,
זיכ באַטרונקענ מיט איר צאָרנ, מיט איר פּײַנ:
עפּשער ברענגט עפּעס דער שאָרעכ פונ די בלעטער?
עפּשער זאָגט ער דאָ דעמ טראָט אָנ פונעמ פּײַנט?

ס׳רוישנ וועלדער אויס אַפּ דערפער אונ אַפּ לאַנענ,
די געשענדטע ערד ליגט העפקער אַפּנ וועג:
— זאַמלט אַפּ געשלעג צונויפּ זיכ, פאַרטיזאַנער,
ווער מיט ביקסנ, ווער מיט ווילעס, ווער מיט העק!

וועלדער וועלנ זײַנ אַצינד די היימ אײַכ,
צודעקנ געטרײַ זיי וועלנ אײַער שלאַכט;
וועגנ פּײַנט יעדיעס טרויעריק-געהיימע
ברענגענ די פאַרפּײַניקטע אינמיטנ שליאַכ!

זקײנימ אינ די גראָבנס, קינדער אַפּ די וועגנ
ליגנ דורכגעשאָסענע פונ מערדערס האַנט;

— זאָלן טאַטעס אָפּצאָלן אין גרויזאַמע געשלעגן,
— זאָלן אופמאָנען די זין פאַר אלעס נאָכאַנאַנד!

ס'וועט דער פײַנט ניט ראַטעווען די ברוינע פּעל זיך,
ניט דערגיין צו קיינעם וועט באַנאַכט זײַן רוף.—
ערגעץ לאָזט מען שוין די צונגן פון די רעלסן,
ערגעץ קאָרטשען זיי מיט רעדער זיך אַרוף!

ניט געלאָזט אַראָפּנעמען ס'געדעטעניש ס'געטרײַע
האָבן אײַך דעם סוינעס בלוטדורשטיקע טריט, —
איז פאַרזייט דאָס פעלד מיט מייסים פון זײַן כאַיִל:
— זאָל אַזוי — אַ שניט זײַן פאַר אַ שניט!

פון די דערפער גייען שיקערע געהוילן,
בלוט פון פאָלק ער גיסט מיט אַ צעגאָס:
— גיסט אַרײַן פון ביקסן הייסן בלײַ אין מויל אים,
פאַר זײַן בראָך הייבט אוף די ביקסן, ווי אַ טאָסט!

אײַך אַנטקעגן גייט מיט ליכטיקער דערמאָנונג
ס'אומפאַרגעסלעך-צוואַנציקסטע, דאָס רומפוליקע יאָר:
— זאַמלט אַפּ געשלעג צונויפ זיך, פּאַרטיזאַנער,
איבער אײַך ז'צעשפּרייט דער גאָלדענער קאַיאָר!

אין די וואָלקנס שרײַבט זיך שוין דעם סוינעס ענד-שאָ,
ער ברעכט אויס צוריק דאָס בלוט מיט רויך.—
ס'הייבן פײַעריקע טאָסטן אוף זיך פון זײַן ברענשטאָפּ,
ס'פליִען אוף ציסטערנעס זײַנע אין דער הויך!

— טרײַע ערד, באַטראָטענע פון סוינע
און באַגאָסענע מיט בלוט פון קינד-און-קייט, —
אופגעהויבן האָט דאָס פאָלק זיך קעגן צוימענע
און מיט שווערד אין האַנט באַפרײַען דיך סע גייט!